# פרשת יתרו

**בס"ד. משיחת ט"ו בשבט ה'תשמ"א.**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

וואס אט דא ווערט גלייך די שטורעמדיקע שאלה:

וויבאלד אז פארוואס איז מען חוגג אט-דעם טאג, דערפאר וואס דעמאלט איז עולה שרף באילנות,

מיט וואס איז דער סדר, און מ'פארבינדט אט די חגיגה – מיט אכילת פירות פון די אילנות?!

וואס א אילן אליין איז מכריח אז ס'מוז נעמען זמן, און ס'מוז נעמען א זמן ארוך, וכמבואר בארוכה, ווי מ'זעט דאס אויך בפשטות, אז בשעת ס'רעדט זיך וועגן זריעה, וואס דאס איז פארבונדן מיט תבואה וכיוצא-בזה, קומט דאס ארויס במשך זמן לא ארוך – נ"ב ימים וכולהו, ווי די גמרא רעכנט דארט אויס.

בשעת ס'רעדט זיך אבער וועגן א נטיעה, וואס דער לשון נטיעה בלשון הקודש איז דאך אויף אילנות, דארף זיין גאר א סך א גרעסערער זמן.

וואס לכאורה איז דאס ניט נאר ניט פארשטאנדיק, נאר אדרבה, דאס איז גאר א סתירה:

אז מ'זאגט אז דא איז א טאג ווען עולה שרף באילנות, איז אין דערויף שוין נכלל אז ס'קען ניט זיין נאך קיין פירות, ווארום כדי די פירות זאלן זיין ווי ס'דארף צו זיין, דארף דאס נעמען א זמן ארוך, און אויב ס'זאל זיין בשלימות – טויג גארניט אז ס'זאל זיין לפני זמנה.

איז איינע פון די ביאורים בזה איז:

אז אט דא באווייזט מען דעם אילן און מ'באווייזט זיך אליין, וואס איז די וויכטיקייט און דער עילוי און די שלימות וואס איז אין עם דא בכח.

אמת טאקע דאס איז מערניט ווי בכח, די כוונה איז דאך אבער מ'זאל זיך מטפל זיין מיטן אילן, און ער זאל האבן די אלע מלאכות הדרושות וואס דאס איז פארבונדן מיט טירחא,

און אויב ס'רעדט זיך נאך וועגן א אילן ניט וועגן א שיבולת פון חיטה ושעורה – איז כאמור לעיל די טירחא נאך א גרעסערע.

וואס דאס איז אויך די הוראה אין עבודת ה':

מ'באווייזט אים: נעם-אפ א כל-שכן וקל-וחומר וואס ס'טוט זיך מיט אן אילן:

אט דאס וואס דו עסט היינט די פרי – איז דאס דערפאר וואס חמשה עשר בשבט של שנה שלפני זה, אדער בשתי שנים שלפני זה, אדער ביי אן אתרוג פון ג' שנים לפני זה, אדער ביי א תמר – **שבעים שנים לפני**



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת יתרו

זה, האט מען זיך דעמאלט געפירט מיטן גאנצן שטורעם אויף ארויסנעמען די ענינים מן הכח אל הפועל – וויסנדיק, אז די פירות פון דעם תמר וועט ער האבן אין זיבעציק יאר ארום, אדער ס׳וועט האבן – ווי די מעשה פון חוני המעגל – וועט דאס האבן א צווייטער איד.

איז תורה אים מבאר, אז כדי דער אדם, וואס ער האט אין זיך אויך דעם ענין פון "עץ השדה", זאל ביי אים דער חומריות העולם און גשמיות העולם לערנען אט-דעם ענין וואס איז נוגע **בכל יום ויום** בהתחלת עבודתו,

אז גלייך ווי ער וועט זיך אויפכאפן דארף ער וויסן זיין, אז ער האט א גאנצן טאג פאר זיך, און דער טאג איז "כל יומא ויומא עביד עבידתי׳"[1], און כדי ס׳זאל זיין דער "עביד עבידתי׳" במשך כל היום כולו – דארף מען האבן, אז **בהתחלת** היום האט מען שוין אלע ענינים אפגעגעבן **בכח**, און מ׳האט עם איבערגעגעבן דעם **זכות**, מיט דעם **כח**, און מיט די **ברכת השם**, אז ער זאל ארויסנעמען מן הכח אל הפועל, ובשמחה ובטוב לבב,

און אין אן אופן וואס "ברכת השם היא **תעשיר**"[2]; ניט נאר "די מחסורו אשר יחסר לו"[3], וואס דאס איז דאך דער "חטה ושעורה" – נאר אויך די אנדערע פינף מינים, וואס כללותם איז דאך, אז זיי גיבן אויך די עניני **תענוג**, כמבואר בארוכה בכמה מקומות, און אויך בפשטות, ווי אראפגעבראכט אין חסידות פון טור אין דעם פירוש הברכה פון "בורא נפשות רבות **וחסרונן**" און אויך "**להחיות** בהן" – די ענינים וואס זיי זיינען **מוכרח**, און אויך "**להחיות** בהם נפש כל חי" – די ענינים של **תענוג**.

און וואס ס׳איז פארבונדן **במיוחד** מיט חמשה עשר בשבט – אז מ׳זאגט אים בפירוש, אז דאס וועט זיין אין אן אופן פון "תעשיר", ווארום ניט דער מנהג ישראל, אז מ׳זאל פראוועו די מנהגים חמשה עשר בשבט דורך עסן חטה ושעורה, נאר אפגעבאקט אין א לחם ופת, נאר דער מנהג באשטייט אין דערויף, אז פון די שבעה מינים שנשתבחה בהם ארץ ישראל – זאל מען עסן **פירות** וואס זיי פארשאפן "**להחיות** בהם נפש כל חי" – דער ענין פון **תענוג**, דער ענין פון "היא **תעשיר**".

דער דבר השוה לכל הנפש, כאמור לעיל – איז בפשטות:

---

1) זהר ח״א רה, סע״א; ח״ג צד, רע״ב

2) משלי י׳, כב.

3) ראה טו, ח׳.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת יתרו

אז בשעת מ׳גייט-צו לאו דוקא אין אנהויבס טאג: אין מיטן טאג, אין מיטן נאכט, אין אנהויבס נאכט – ווען ס׳זאל ניט זיין, און מ׳זעט עפעס אן ענין בחלקו בעולם, צי דאס איז א פרי צי דאס איז – להבדיל – א צווייטער איד, אדער ער גיט א קוק אויף זיך אליין –

דארף ער וויסן זיין, אז ״אדם לעמל יולד״[4]: אט דאס וואס מ׳האט אים באוויזן אט די פרי, וואס מ׳האט אים באוויזן א צווייטן אידן, און וואס מ׳האט אים באוויזן זיך אליין – איז דאס ניט מערניט ער זאל זען אז ס׳איז דא ״ברוך שככה לו בעולמו״; מ׳האט דאס אים באוויזן – כדי ער זאל דערמיט מקיים זיין דעם ״אני נבראתי לשמש את קוני״, און נאכמערער – ״אני **לא** נבראתי **אלא** לשמש את קוני״[5].

און ס׳איז אינגאנצן בכוחו אז ער זאל ארויסנעמען ווי די ענינים נפלאים שטייען ״בכח״, און ער זאל זיי ארויסברענגען ״בפועל״, און זאל ברענגען אין זיין חיים און אין זיין חלקו בעולם, און אין דעם מאורע פרטי – דער ענין פון ״ונגלה כבוד הוי׳״[6],

ויהי רצון, כמדובר, אז דאס זאל ארויס **בפועל** – בהנוגע צו ענינים ווי דאס שטייט אין מחשבה ודיבור,

וואס דאס איז נאך אבער אלץ ״בכח״ לגבי דעם תכלית שבזה, אז ס׳זאל זיין בפועל ממש אין אן אופן של פעולה ועשי׳,

ומתוך שמחה וטוב לבב, וואס דעמאלט איז דאס אין אן אופן פון ״אתה מחוייב לעשרו״,

און גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו מיט עשירות אמיתית **ברוחניות**, במילא וועט דאס אויך מיטנעמען דער ״וינצלו את מצרים״[7] – עשירות אויך **בגשמיות**,

ובמהרה בימינו ממש.

———— • ————

4) איוב ה׳, ז׳.

5) סוף מס׳ קידושין.

6) ישעי׳ מ׳, ה׳.

7) שמות יב, לה.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.